בעזהי"ת

אריסטון (פי' סעודה גדולה) עתיד הקב"ה לעשות לעבדיו הצדיקים לע"ל, וכל מי שלא אכל נו"ט בעוה"ז זוכה לראותו. (ויקרא רבה פ"י).
לע"ל הקב"ה מוציא כרוז כל מי שלא אכל בשר חזיר מימיו, יבוא ויטול שכרו (קהלת רבה פ"א סי' כ"ח).

# מדריך לכשרות

## — ירחון דהתאחדות הקהלות —

**כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים**

ב"ה. חודש טבת-שבט ה'תשל"ה — שנה ב' קונטרס ו' (כרך א')

בפיקוח מוה"ר **משה שטרן** שליט"א
הגאב"ד דקהלתנו קהל יסודי התורה (מלפנים אב"ד דעברעצין)

**יוצא לאור בהשתתפות הרבנים והקהלות ולומדי תורה**
**דעיר רבתי ניו יארק**

וועד הכשרות

**VAAD HAKASHRUS**
P.O. Box 56,
BROOKLYN, N.Y. 11228

## מודעה נחוצה

מיט דעם מדריך ווערט גע-ענדיגט דער יאהרגאנג פון דעם ירחון. מיר זענען מודיע די חשובע ליינער, מיטגלידער, און מיטארבייטער, ווי פאלגענד:

א) אלע מעמבערס ווערן געבעטען ארייך צושיקען די געלט צו פארלענגערען אייער סובסקריפשען. מיר קענען נישט שיקען פערזענליכער בקשות ווייל מיר זענען פארנומען מיטן שטח הכשרות אויפן גרויסען פארנעם, און מיר האבען נישט גענוג הילף פאר אפיס ארבעט. ווער עס וועט נישט ארייך שיקען די $4.00 וועט נישט באקומען די ווייטערדיגע ירחונים.

ב) ווער עס ווערט א מעמבער און מיטן יאהרגאנג (צ.ב.ש. אייר-סיון תשל"ה) ווערט זיין מעמבערשיפ גע-ענדיגט ביי די זעקסטער ירחון וואס ער באקומט (אדר-ניסן תשל"ו). מיר שיקען נישט די פריערדיגע ירחונים, ווייל עס טוהט קאמפליצירען אונזער ארבייט.

ג) ווער עס איז אינטערעסירט צו באקומען די פריערדיגע ירחונים זאל ארייך שיקען $1.00 צו דעם מערכת און שרייבען די נומער פון די פערלאנגטע ירחונים.

ד) מיר האבען איבער געדרוקט א באגרעניצטער צאהל פון ירחון א' וב'. ווער עס איז אינטערעסירט דאס צו באקומען זאל ארייננשיקען $1.00 פאר יעדעם ירחון. וכל הקודם זוכה!

המערכת

דפוס אופסט "מוריה"
MORIAH OFFSET CO.
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

## גילוי דעת

אזוי ווי מיר האבען זוכה געווען מיט דער הילף פון השי"ת, ארויס צו געבען דער זעקסטער "מדריך הכשרות" פאר דער ברייטער עולם וואס קוקט ארויס מיט האפענונג אוןְ שטרעבונג אויף די ארבייט, די עבודת הקודש פון אונזער וועד, געפונען מיר פאר נויטיג אויף צו קלערען געענוי און קלאהר פאר דער ברייטער עולם אונזער ציהל און שטרעבונג, ווייל לויט די ממש הונדערטער בריעף וואס מיר באקומען הערשט א בלבול המוהות ביי אסאך פון אונזערע ליינער וועגען וואס מיר ווילען אויפטאן אויף דער געביט פון כשרות. דעריבער ווילען מיר דא דייטלעך ארויסזאגען אונזער טרוים און ציהל צו דער צופרידענשטעלונג פון אונזערע ליינער

א) דער ויעד איז געשאפען געווארען דורך חשובע בעלי בתים יראי השם וואס עס ווייטאגט זיי אויף די פרצות וואס געפינען זיך היינט אויף דער פעלד פון כשרות. יעדער איינער ווער עס וויל נאר טוט וואס עהם געפעלט איהם. אזוי ווייט איז עס געגאנגען אז יעדער ביזנעסמאן איז געווארען דער "באגלייבטער", דער רב גלייבט איהם, די קונים גלויבען איהם און אלעס ווערט געגעטין אויף דער צוזאג פון א מענטש וואס און בעסטען פאל איז ער א נוגע בדבר, וואס אין דער מדינה ווייסען מיר ליידער וואס א פנים דאס האט. אין אסאך פעלער ווייסט דער סוחר גארנישט וועגען דעם פרודוקט וואס ער פארקויפט אין וועגען די חששות וואס זענען דא.

דעריבער האבען מיר געזוכט א רב מובהק וואס זאל אונז ווייזען דעם ריכטיגען וועג ווי צו קענען פארבעסערען דער מצב פון כשרות. נאך גרויסע און שווערע באמיאונגען האט השי"ת געהאלפען און מיר האבען געקראגען דער הילף פון דעם באוואוסטען גאון און מחבר פון די שו"ת באר משה הרה"ג ר' משה שטערן שליט"א אבד"ק דעברעצין יצ"ו זייך שטארקייט און פעסטע שטעלונג אויף דער געביט פון

איז גוט באקאנט ביי אלע שיכטען פון יהדות החרדות, א חוץ זיינע גרויסע ידועות וועגען כשרות וואס איז נויטיג פאר אזא ענין. ער האט אויף זיך גענומען דעם שווערע עול צו זיין דער וועג ווייזער פון אונזער וועד דער אמת איז אבער אז מיר זוכען דעם הילף פון אלע רבנים שליט"א זיי זאלען זיין בייהילפיג מיט עצות און מיט מעשים, און זיכער וועט דער באשעפער משלם זיין פעלם הטוב בזה ובבא. ווייל אויף יעדען ליגט דער חוב קלאהר מאכען און צריקצוהאלטען אידישע קינדער זאלען נישט נכשל ווערען מיט מאכלות אסורות ח"ו.

ב) נישט דער רב וואס פירט אונז און נישט די מיטארבייטער פון דער "וועד" באקומען באצאהלט, פארקערט, עס קאסט אונז נאך געלט און צייט, ווייל מיר צאלען אליין די שפעזען און קאסטען וואס אזא ארגעניזאציע דארף. טאקע! איך דעם זכות האפען מיר אז מיר וועלען האבען סיעתא דשמיא און אונזער ארבייט.

ג) מיר געבען נישט קיין הכשרים, נישט פאר קיין געלט און נישט אומזיסט. מיר באזוכען די פעקטארים, בעקערים, קעיטערערס א.א.וו., און אויב מיר זעהן אז די נוצען פראדוקטען וואס עס איז אויף זיי א חשש איסור מאכען מיר זיי אויפמערקזאם אז זיי זאלען דאס אויסטאשען אויף כשר'ע. טאמער מיר זעהן אז אלעס איז און בעסטען ארדענונג לגבי כשרות טוען מיר דאס צו וויסען טוהן דארך אונזער "מדריך".

צוליב די אויבען דערמאנטע פונקטען קען יעדער זעהן אז אונזער "וועד" איז אנדערש פון אלע ארגעניזאציעס וואס זענען ביז היינט געווען פארנומען מיט כשרות, און מיר בעטען און האפען צו השי"ת אז מיר זאלען זיך קענען האלטען פעסט קעגען וועלכע עס זאל נישט זיין. מיר זענען

חלילה נישט גרינגדיניג און מיר טוען נישט גרינגשעצען
די ארבייט פון קיין שום רב אדער ארגעניזאציע, אבער
שגיאות מי יבין, מען איז דאך נישט מער פון א מענטש.
מיר גלייבען אז מיר פרעגען איבער א רב א בעל מכשיר
וועגען זיין הכשר דארף ער זיך נישט באליידיגען נאר
פארקערט זיין צופרידען אז עס זענען דא מענטשען וועלכע
ווילען עהם מיטהעלפען אין זיין השגחה אהן
באלוינונג, ווייל מיר מיינען נאר למען השם ולמען ישראל
עם קדושו.

---

מיר בעטען אנטשולדיגונג פון די אלע מעמבערס וועלכע האבען
געבעטען מיר זאלען מברר זיין פארשידינע פראדוקטען. מיר
האבען אסאך ארבייט און מיר קענען נישט ענטפערען באלד אויף
יעדע אנפראגע. מיר ווילען טאקע בעטען פון די אלע, זיי
זאלען צו העלפען ביי שרייבען א בריעף צו די באטרעפענדע
קאמפאני און איבער שיקען צו אונז די אלע ידיעות וואס זיי
זענען געווארען געוואהר, וועלען מיר בעסער קענען אנגייען
מיט אונזער ארבייט (שאלה חכם חצי השובה).
וועד הפועל

ווען איר מופט...
ביטע לאזט באלד וויסען אייער נייע אדרעס!
האט איר שוין באצאלט אייער סובסקריפשאן?!
אויב איר האט נאך ניט באצאלט —
שיקט אריין נאך היינט!

## המזון בהלכה

אל כבוד מנהלי וועד הכשרות:

נא למסור שאלות אלו ליד הגאב"ד דעברעצין שליט"א שישב תשובה מאהבה בקצירת האומר.

א) אם שרי או אסור לשלוח משלוח מנות לחבירו דברים שחבירו חושש ומחמיר בהן?

ב) אם בעלי החנויות מחויבים להודיע להקונים שעל סחורה זו יש חשש ועל זו אין חשש או סחורה זו לגמרי אין לו היתר או לא, אלא כל קונה וקונה יקבל האחריות על עצמו מה שהוא קונה ואוכל?

שרגא בידענבוים

תשובת הגאב"ד דעברעצין שליט"א:

א) דבר זה א"צ לפנים שהוא איסור גמור. והוא גמרא מפו' (חולין קי"א:) חם לי' לזרעי' דאבא בר אבא דליספי לי מידי דלא סבירא לי. ונפסק להלכה ברמ"א(סי' קי"ט ס"ס ז') ובביאור הגר"א הראה מקורו למס' חולין הנ"ל ולגמרא יבמות י"ד דמודעי להו עיי"ש ועיין בש"ך (סק"כ) וכבר הארכתי בתשובה כת"י.

ב) שאלה זו פשוטה וברורה. לדוגמא, מי שיש לו בחנותו ג' מיני גבינות, א) השגחה משעת חליבה. ב) השגחה משעת עשי'. ג) גבינה בלי השגחה כלל. מחויב בעל החנות להודיע את הקונה גבינה כשירה, מאיזה מין גבינה הוא לוקח. וכל בעל חנות שאינו מעורר להקונה זאת מכשיל את הרבים ע"פ המקורות שהזכרתי (באות א'). וכ"ש מה ששואל אם שרי לבעל החנות לומר להקונה אין חילוק בין גבינה זו לזו, חלילה וחלילה! לא תהי' זאת בישראל הרי הוא מחטיא את הרבים. וכן הוא בכל מאכל ולאו דוקא בגבינה.

## המזון בהלכה

... האם יש לחוש לה"באצילען" שאין נראים לעין רק ע"י כלי מגדל? ראיתי מחמירים שמקנחים אותם ויש שמקלפים נקודות שחורות שנמצאים באשכליות (גרעפ פרוכט), ואחרי כל זאת עוד רוחצים ידיהם קודם האכילה שאם נדבק משהו בידיהם לא יבא לתוך הפרי.

ראובן זילבערמאן

יש רבים שקונים קמח הרבה ביחד על כל החורף בשביל איסור חדש. תבררו אם יש חשש איסור חדש. ואם זה נכון תודיעו מאיזה זמן מתחיל החשש.

משה מנדל

יש לעיין אם יש שאלת בישול עכו"ם בסיריעלס כמו קארן פלעיקס וכו׳. ועי׳ בס׳ טהרת המים מאת הרב ניסן טעלושקין זצ"ל מהד"ש סי׳ ס׳ וסי׳ ס"א

אם יש דין בישול עכו"ם גם ע"י אידים (סטיעם), ועיין באחרונים בדרכי תשובה סי׳ קי"ג, וגם עיין בס׳ פאר הדור חיי החזון איש. יש ג"כ לעיין בשאלה זו כלפי כל מאכלי תינוקות שיש שאלת בישול עכו"ם.

אברהם יצחק האפמאן

ירושלים

....א) בעל מסעדה שפותח בט׳ ימים מר"ח אב מה יעשה לאלו שמבקשים בשר?

ב) בעל הבית שאל שיש לו תנור מגעז והפיילוט לייט בוער תמיד ואם עכו"ם באה ומבשלת דאין בזה משום בישול עכו"ם היות שהדליקה מהפיילוט לייט שהוא הידליק פעם. ומה חוות דעתכם בזה ?

הרב אפרים גרינבלט
מעפים, טענעסי

התשובות הם מהרה"ג מדעברעצין שליט"א

א) חיות קטנות שאינם נראות אלא ע"י כלי מגדל אין לחוש, ועיין בתפארת ישראל פ"ב דמס' ע"ז אות ג' בבועז.

ב) הקונה קמח הרבה בשביל איסור חדש יצא שכרו בהפסדו, כי קמח העומד במטבח ב' וג' חדשים הוא מלא "מילבין" ואם באפשרותו להחזיקו בפרידזידער אז החושש לחדש שפיר עושה. ואנן יוצאי ארץ הגר לא שמענו מצדיקים שיחושו על חדש. אבל הנגררים אחר הגר"א זצוקל"הה חוששים על חדש וכן יפה להם.

ג) בתשו' ביארתי (יופיע אי"ה בספרי באר משה ח"ד) דליכא חשש בישול עכו"ם בסיריעלס.

בזמנינו דמבשלים בתוך הקענס בכה"ג כבר איתא בדרכ"ת סי' קי"ג דליכא משום בישולי עכו"ם.

ד) מר"ח אב עד ט' באב חלילה לבעל מסעדה למכור בשר, ועיין באורחות חיים ספינקא שאם יש אחד שאם לא יקבל בשר כשר יאכל בשר נו"ט דאז יש מקום להקל, אלא מאחר שלא כל השאלות דומות זו לזו ולא כל אורחי המסעדה שוין זה לזה אין להורות בשאלה זו אלא לפי השואל ולפי הנשאל עליו.

ה) הפיילוט לייט PILOT LIGHT אינו מתיר הבישול עכו"ם בבית עכו"ם או בפעקטארי, ובבית ישראל המיקל יש לו על מה לסמוך ( עיין ברמ"א סי' קי"ג סעי' ז' ובדרכי תשובה שם אות נ"ו).

הנה נשלח לנו מראה מקומות על הענין של ביצים מקילפות שעברו עליהם הלילה. ואנו מצפים לשמוע חוות דעתם של הרבנים הגאונים שליט"א.

מסכת נדה דף י"ז ע"א, וברשב"ץ שם, במהר"ל שם ובליקוטי הלכות שם. מסכת דרך ארץ רבה פי"א ובהגהות הגר"א שם. במס׳ שבת דף קמ"א ע"א תד"ה הני. ביצה דף י"ד ע"א תוד"ה איכא וברא"ש שם. בחידושי אנשי שם למרדכי שבת אות שס"ט, והגהות המרדכי ר"פ המוציא, ובשו"ת מהר"ח ב"ב מהד"ש סי׳ מ׳, ובאגודה על מס׳ שבת אות ק"ב. בסמ"ק אות קע"א והביאו השבט מוסר פ"ג. בס׳ שמירת הנפש ערך אכילה אות כ"ב. ביו"ד סי׳ קט"ז בפר"ח, בלחם הפנים, זבחי צדק, דרכי תשובה, מנחת פתים, חיים וברכה, ערוך השלחן, כף החיים. בשו"ע הרב הל׳ שמירת הנפש. בלקט יושר יו"ד עמוד ו׳ בס׳ מאירת עינים על בדיקת הריאה בהוספות המו"ל. בבן איש חי שנה ב׳ פ׳ פנחס אות י"ד. בשדי חמד ח"ב עמוד שע"א. בדעת תורה או"ח סי׳ תקי"ג. בכף החיים או"ח תק"ד סק"א.. בדרכי תשובה סי׳ ק"ב סקי"ג. בקונט׳ עובר אורח סו"ס אורחות חיים החדש סי׳ד׳ ש"ב. בספיקת מלכים קל"ג. באוריין תליתאי בהוספות המו"ל. בטעמי מנהגים לקוטים כלל ט"ז ובקונט׳ אחרון שם. בשערי תורה ח"ג קונט׳ י׳ סי׳ נ"ט אות י׳. בשו"ת באר משה ח"ב סי׳ קט"ו. בית שלמה סי׳ קפ"ט. בנין עולם סי׳ ל"ג. דגל אפרים ועוללות משה סי׳ כ"ח. וישב משה סי׳ כ"ז. זכר יהוסף סי׳ ר"ט. חינא דחיי סי׳ נ"ט. חלקת יעקב ח"א סי׳ קי"א. יביע אומר ח"ב יו"ד סי׳ ז׳. יד מאיר סי׳ י"ט. לבושי יו"ט סי׳ ל"א. מהרש"ם ח"ב סי׳ קמ"ח ובח"ב מפתחות יו"ד סי׳ ח׳. מחשבות בעצה יו"ד סי׳ ה׳. מטה ראובן סי׳ רל"ג. פרי השדה ח"ג סי׳ ס"א אות ב׳. קב זהב סי׳ י"ד. קרן לדוד סי׳ א׳. רב פעלים ח"ב יו"ד סי׳ י"ג.. שדה הארץ ח"ב סי׳ י"ח. לב ארי׳ סי׳ נ"ו, ויגד משה עמו׳ כ"ז.

החפץ בעילום שמו

## הברכה כהלכה

נלקטו מתוך שו"ת באר משה להרה"ג מדעברעצין שליט"א

באַרשט מברך שהכל נהי׳ בדברו ובנתבשל אם בירך בפה"א יצא בדיעבד (ח"ב סי׳ י"ב)

טאמעיטא דזשוס לכתחילה יברך שהכל ואם נתבשל ובירך בפה"א יצא בדיעבד (שם)

עפעל דזשוס מברך שהכל ובנתבשל ובירך בפה"ע יצא בדיעבד

פאטעיטא טשיפס מברך בורא פרי האדמה (שם)

פאטעיטא קוגעל ופאטעיטא לאטקעס המברך בפה"א יפה עושה ואם מברך שהכל ג"כ טוב עושה (שם)

פאמפקין סידס מברך בורא פרי האדמה (שם )

פאפקארן (וויטי תוגרמא הנבקעים ע"י אש) בורא פרי האדמה

פרון דזשוס לכתחילה יברך שהכל ואם נתבשל ובירך בורא פרי העץ יצא בדיעבד (שם)

קארן פלעיקס ברכתו כשאוכלין אותו יבש בלא משקה בפה"א, והמברך שהכל ג"כ יפה עושה. ואם אוכלם עם חלב יברך שהכל, והרוצה לאכול מתחלה קצת קארן פלעיקס יבש ולברך בפה"א ושוב לברך על החלב שהכל ג"כ יפה וטוב עושה.

שאקאלאד

שקדים, אגוזים, בטנים או צמוקים (ראזינקעס) שמחופה בשאקאלאד מברך שהכל כי העיקר הוא השאקאלאד והפרי שבפנים ניתן ליתן טעם טוב בהשאקאלאד (שם ח"א סי׳ ז׳ )

## שימו לב

צריכים לדעת ש"וועי", WHEY הוא מי חלב (מים שנפרד מהחלב כשנעשה גבינה) ויש לזה דין חלב. הנני להודיע שBURRY'S OATMEAL COOKIES הוא מאכל חלב, כי כתוב בההרכב WHEY. ובכן צריכין לדעת שאע"פ שיש עליו סמל של Ⓤ ולא נכתב DAIRY (מילכיג) אינו מבטיח שהדבר הוא בלי חלב.

הרב מאיר לובין

ברונקס, נ.י.

העורך: גם בFOXE'S U-BET CHOCOLATE SYRUP יש בההרכב WHEY כמובן מסתם חלב.

... מצוה להודיע ש SWEET-N-LOW (סוכר מלאכתי) הוא מאכל חלב, כמדומני שכבר ידוע לכל.

מרדכי פאם

נשתוממתי לראות על בקבוק הערינג שנאכל בבית המדרש בסעודה שלישית מדי שבת בשבתו, כתוב על ההרכב שיש בתוכו "ווייין ווינעגער". לא יאומן שקהל רב כזה יהי' נכשל בדבר גדול כזה... ונצמח רק מתוך מניעת קריאת ההרכב. חוץ מזה יש עוד חששות ממה נעשה החלב של הערינג.

משה קליין

באתי לעורר אודות הסיריעל שהרבה פעמים הם מלאים תולעים. וכן מצאתי בהשעורים ופולין (בונדליך) שמרחשין רחושי שרצים, ע"כ צריכין לתת עין בקורת עליהם קודם שמתקנים המאכלים מהם.

אזי"ר

באתי לעורר אודות הבתי אפי' של מצות... הפועלות שמה אינם מהיראים המופלגים וצריכים שמירה גדולה לראות אם רוחצים ידיהם הישב בכל פעם כדבעי, וגם שיחליפו המקלות

גם, הנותן המצות לתוך התנור הוא אומן גדול שאין בכבודו ליתן לתוך התנור פחות מארבע או ששה מצות ביחד, והמצות מונחים על השלחן בלי עסק. טוב אם יתקן שהמנקר (רעדלער) יעביר עוד הפעם על המצות בשעה שמונחים על השלחן, ולא יתנם על המקלות עד שיתקבצו כמה מצות.

ומה דאיתא בש"ע או"ח סי' תנ"ט במ"א ס"ק ד' וז"ל אבל בניקור שמנקרין המצות שהיות מצטרפות ואע"פ שמנקר במקום זה שוהה במקום אחר עכ"ל, זה הי' בזמנם שהיו מנקרים בחתיכות עץ הנקרא "שטיפעל העלצער", ובשעה שהיו מנקרים במקום זה הי' שאר המצה מונחת בלי עסק, אבל בזמנינו שמכונת הניקור הוא גדול כמעט ככל המצה ובכל פעם שמעביר על המצה כל המצה נתעסקת אז בודאי נקרא עסק.

פנחס ראפ

---

.... מה שהעיר ר' שמחה זהבי לחשוש כשקונים כלים אולי העכו"ם השתמש בהם, הנה כשקונים כלים חדשים נדבק נייר על הכלי ובקל אפשר להכיר בין חדש לישן שהשתמשו בו כבר, ורוב המוכרים אינם משתמשים בכלים כי יהי' קשה להם למכור ואין לחשוש לזה. ומה שהעיר ר' יעקב קאליש אודות בראנפען ג"כ יש ליזהר שלא לקנות מאלו יהודים שאינם מוכרים חמצם לגוי קודם פסח דהו"ל חמץ שעבר עליו הפסח ואולי יש ללכת בתר רוב שמוכרים חמצם.

הרב אפרים גרינבלט

מעפיס טענעסי

תמהתי על אחד שכתב בענין מקוה לטבילת כלים שדימה אותה למקוה דאורייתא, וחס מלהזכיר לדמות דין כרת לענין של רק ספק! והא ראי' דנהגו שלא לברך משום ספק.

ש.ק.

.... יש להזהיר לבעלי מכולת לבלתי למכור ללקוחותיהם דברים שאין היתירם ברור, משום ולפני עור וגו' דלשיטת כמה פוסקים שייך גם באיסורי דרבנן, ובפרט שישנם כמה מצרכי מזון שיש עליהם חששות איסורי דאורייתא, ונמכרים לכל קונה יהודי במה שסומכים עצמם על הבעל המכולת (גראסערימאן) שהוא יהודי שומר תורה ומצות ומתנהג בחסידות בחיצוניותו, ואין איש שם על לב להשגיח על זה והמכשלה עולה עד לב השמים, רחמנא לשיזבן.
וכן אין משגיחים על ממתקים (נאשערייען) שקונים לילדים אם הם כשרים בודאי בלי שום פקפוק, ובאופן כזה מפטמים אותם בדברים אסורים המטמטמים את הלב, כמו שדרשו עה"פ ונטמתם בם.

הרב אברהם מאיר איזראעל
אבד"ק הוניאד

אנו פונים לקבל הרחב לשום לב על המכשלה הנמצאת בהרבה בתי חנויות הנקראים "גראסעריס" שמוכרים שם גבינות הנעשות מחלב ישראל וגם גבינות הנעשות מחלב עכו"ם, וחותכים שניהם בסכין אחד, ונשארים בעין חתיכות גבינת עכו"ם על הסכין דא"א לנקות הסכין בכל פעם כדבעי. ודעת הרבנים הגאונים שליט"א הוא דכל אלו שאינם אוכלים אלא מחלב ישראל דוקא, איסור הוא להם לקנות גבינות בחנויות אלו, עד שיראו לתקן את המעוות בסכין

וועד הכשרות

ברצוני להעיר על דבר נחוץ במצות משלוח מנות שאין העולם יודעים להזהר בו והנה בענין שהזניחו כעת את הדרך הישן שהי' נהוג לאפות ולבשל לפני פורים כדי להכין בעצם לקיום מצות משלוח מנות, אך בעת ישנם הרבה אנשים שהולכים לחנות וקונים מן הבא לידם מיני מאפי' ומיני מתוקה ושאר דברים. ויש לעורדם שידעו שחוץ ממה שכמה פעמים נכשלים באיסור לפ"ע כי החבר שמקבל את המשלוח מנות מדמה בנפשו שבוודאי כשר הוא ואוכלו על סמך זו ונמצא שמכשילו באיסור דמאכלות אסורות (ומובא בזוה"ק סוף פ' שמיני עה"פ "כל עמל האדם לפיהו", דכל העמל והעונשים שהאדם מקבל אחר מותו בגיהנם רח"ל הוא בשביל פיהו שטמא בחייו במאכלות אסורות נו"ט, וגם הנפש לא תמלא לא תשלים עונשה לעולם רח"ל ועוד חקוק בזכרוני מה שנדפס כבר בקו' אייר סיון תשל"ב במכתב ח' עמוד מ"ו מספה"ק תורת משה ת"י קדושים שרוב אפיקורסות רח"ל מהנוצץ באדם ע"י אכילת נו"ט עיי"ש) אך חוץ מזה גם מצות משלוח מנות שרצה לקיים ג"כ לא עלתה בידו כמו שפסק בתשו' תרומת הדשן סי' קי"א מובא בדרכי משה סוף סי' תרצ"ה שאין יוצאים במצות משלוח מנות רק בדבר שיכולים לאכול (וכן מובא בשד"ח מערכת פורים ובכף החיים סי' תרצ"ה אות מ"ו בשם ברכ"י בהגה"ט והכס"א אות ד' עיי"ש) ע"כ צריך לעורר את דעת הקהל בענין זה שידעו ליזהר היטב.

וראיתי בשו"ת בית הלל בסי' ט' עה"פ הנ"ל באד וז"ל מעתה אם אינכם נזהרים ח"ו מאיסור נו"ט איך אתם אומרים בכל שני וחמישי בתפילת והוא רחום, אבינו מלכנו חננו ועננו שמך הגדול נקרא עלינו כרחם אב על בנים כן תרחם עלינו וכו', איך מורא לא יעלה על ראשכם שיאמר ה' איני מכיר אתכם ואינכם שלי עבור שנפשכם מגואל מאכילת טריפות מכ"ש וק"ו בעת ובעונה כזאת אשר אחב"י וכו' הרבה מהם נתונים למשסה ובוזזים ה' ירחם עליהם על מי לנו להשען רק על אבינו שבשמים וגדול הרואה רשוכרן א"כ בעת ובעונה כזאת מהצורך ביותר וביותר שנעשה כל מה שבכוחינו להיות שם ה' נקרא עלינו וכו' ואמרו חז"ל עונש אסכרה לתינוקות ר"ל בא עבור שאוכלים דברים טמאים, מעתה חוסו וחמלו על בניכם ובנותיכם הקטנים שלא תשכלו אותם וכו' עיי"ש שהאריך הרבה בדברי קודש אש להבה מלהבת נפש השומעת.

## שימו לב

שמעתי שיש חשש בכשרות הממתקים המפורסמים....

ט. דזעיקאב

... נראים בחוש שכל הפירות והירקות נמשחים בשמן, ואפי׳ אחר שמדיחים הירקות נראים בחוש ששמן מאוד. אבקש מכם לברר אם זה נכון, וגם מה שצריכים לעשות, אם די בהדחה או צריך גרירה או קליפה? ומה לעשות בפירות שאין יכולים לקלוף כמו ענבים וכדו׳ ? וגם אם אפשר שיש חשש כבוש?

משה מנדל

ויזניץ, מאנסי

א) האם יש חשש בבליטשד קמח? כנראה הבתי אפי׳ כאן משתמשים רק בזה.

ב) האם יש חשש בארטיפישעל פלעיווער?

אזי"ר

העורך:

א) כפי ששמענו אין חשש בבליטשד קמח.

ב) יש כמה חששות בארטיפישעל פלעיווערס כמו יין נסך וחלב.

.... אחרי קוראי במדריך שלכם הלכתי להגראסערי לקנות Van Brode קארן פלעיקס ולא מצאתי וא"כ מה הואילו חכמים בתקנתם?

ש.ב.

העורך: נא לצלצל למשרדנו ולבקש ליתן המספר טלפון של הסוחר אצל מי שאפשר לקבלו

קעב **מדריך** **לכשרות**

# פעסטשטעלונגען

**מיר גיבען קיינע הכשרים. מיר שטעלען נור פעסט די פאקטען עד מקום שידנו מגעת.**

<u>ארץ ישראל פראדוקטען</u>

<u>מצות</u> (חמץ)

די פאלגענדע ארץ ישראל מצות האבען א הכשר:
מצות יהודא (בהכשר הבד"ץ ירושלים).
מצות ישראל און מצות אביב (בהכשר הרב לאנדוי בני ברק)
פון מצות ראשון לציון האט הרב לאנדוי אראפגענומען זייך הכשר.

<u>קענדיס</u> -כרמית

אויף א טייל פון זייערע קענדיס געפונט זיך דער הכשר פון הרב דייטש פון פתח תקוה (אויף יעדען קענדי איז ארויף געדרוקט באזונדער דער הכשר). פיעל ווערען דורך דעם פארפירט און קויפען אויך די וועלכע עס געפונט זיך נישט דער אויבען דערמאנטען הכשר. (די סוחרים זאגען אז עס איז דער זעלבער אבער עס איז נישט ריכטיג).

<u>בעקענדע פראדוקטען</u>

מיר האבען מעורר געווען אין דעם פריערדיקער "מדריך" וועגען בעקענדע פראדוקטען וועלכע ווערען געמאכט פון ארץ ישראל פרוכט אהן אן השגחה וועגען טבל וכדומה.
דעריבער זאל מען אכטונג געבען צו זעהן אויב עס ווערט נישט פארנוצט ארץ ישראל פרוכטען. דער וואס טרעפט א קאמפאני וואס נוצט ארץ ישראל פרוכט זאל אונז מודיע זיין. גלייכצייטונג טוען מיר צעוויסען אז די קאמפאני SHARON נוצט ארץ ישראל פירות, ממילא זאל מען נזהר זיין.

<u>בעקעריס</u>

אסאך בעקעריס פארקויפען מילכיגע דענישיס און אנדערע מיני מזונות, און מען וויסט נישט אז עס איז מילכיג, דעריבער דארף מען נזהר זיין.

<u>פעטס און פינאט בוטער</u> (פאר בעקעריס)

מיר האבען באזוכט די פעקטארי פון American Almond און מיר האבען געזעהן אלע רויע מאטריאל פון וואס עס ווערען ערצייגט אלע זייערע פראדוקטען און מיר האבען געזעהן אז עס איז נישט דא קיין שום חששים. זיי ערצייגען די פאלגענדע פראדוקטען:

AA Bake,s Paste
Poppy Butter
Newmac Paste
Amco Mac-Paste
Peanut Products
Peanut Butter
Crunch Toppings
Piping Gel
Almond Products

Praline Paste
Filbert Butter
Cashews Products
Filberts Products
Brazils Products
Kernel Paste
Almond Paste
Macaroon Paste

<u>בוטשער סטארס</u>

מיר ווילען נאכאמאל מעורר זיין שטארק נזהר צו זיין פון אזעלכע בוטשערס וואס צוליב פראפאגאנדע, אדווערטייזען זיי אז זיי פארקויפען גלאט כשר, אבער אין אמת פארקויפען זיי פארשידענע פליישען אפי' פון שוחטים וואס זענען נישט יראים ושלימים, דעריבער דארף מען שטארק נזהר זיין.

קעד מדריך לכשרות

<u>געפיקעלטע גערקון און טאמעיטאס</u>

מיר האבען באזוכט די קאמפאני Batampte און מיר האבען געזען אלע רויע מאטריאל וואס קומט אריין, אין די פראד־וקטען. אויך זענען מיר געווען ביי די פלעצער פון וואנען זיי נעמען די רויע מאטריאל. מיר האבען פעסטגעשטעלט אז עס איז נישט דא דערביי קיינע חששים.

<u>געקעבדע פראדוקטען</u>

מיר האבען באזוכט די פאבריק פון די Marion Food Co. וועלכע קאנזערווירען פרוכט און גרינצייג אין קענס. מיר האבען געזען די גאנצע פאבריק און אלע רויע מאטריאל וואס ווערט גענוצט. מיר האבען אויף די אלע אינגרידיענטס נישט געטראפען קיין חששים. די קאמפאני ארבעט אגאנץ יאהר נאר אויף פרוכט און גרינצייג און נישט קיין אנדערע פראדוקטען.
מערסטענס ווערען די פראדוקטען פארקויפט האלסייל פאר האטעלען, קעטערערס, רעסטעראנטען א.א.וו.
זיי פראדעצירען די פאלגענדע פראדוקטען אונטערען נאמען...

<u>*HARVEST MOON*</u>

*APPLE SAUCE*
*BLUE CAKE GREEN BEANS*
*CUT GREEN BEANS*
*CUT WAX BEANS*
*CARROTS*
*ONIONS*
*RHUBARBS*
*SPICED APPLE RINGS*
*SLICED BEETS*
*SLICED APPLES*
*WHOLE SPICED CRAB APPLES*
*WHOLE PURPLE PLUMS*

<u>נאשערייען</u> (קענדיס, קאקיס, ליקאריש, פאטעיטא טשיפס א.א.
אויף אלע נאשערייען פארלאנגט זיך אןשטרענגע השגחה.
מיר וועלען דא אויסרעכענען א טייל חששות וואס זענען
פארהאן.

<u>קענדיס</u>

אין רוב קענדי פאבריקען ווערט גענוצט גליסעריין און
וועטשטעביל פעטענס און פיעל אנדערע פראדוקטען וועלכע
דארפען האבען א הכשר. אמת עס זענען פארהאנען אסאך כשר'ע
אוילען און גליצערינען, אבער! דער רב המכשיר דארף וויסען
וועלכע עס קומען אריין אין זיין פראדוקט און דארף כסדר
אכטונג געבען עס זאל נישט אריינקומען אנדערע פראדוקטען.

<u>שאקאלאדען</u>

ביי שאקאלאדען איז דא אויסער די אויבען דערמאנטער
חששים, אויך דער חשש אז מען מאכט דארט מילכיגע שאקאלאד.

<u>קאקיס</u>

ביי קאקיס איז דערצו אויך דער חשש פון פת פלטר.

**************

מיט דעם באוואוסטזיין - און מיט דער הונדערט
פראצענטיגער איבערצייגונג אז די אלע וועלכע ערצייגען
נאשערייען מיט הכשרים וואס דער עולם פארלאנגט זיי,
מאכען דאס נישט אליין נאר לאזען דאס מאכען אין פאבריקען
וואו עס זענען די אלע אויבען דערמאנטע חששים. האבען
מיר גענומען אויף זיך די שווערע לאסט אדורך צושמועסען
מיט די רבנים שליט"א וועלכע געבען די הכשרים אויף די
אלע נאשערייען כדי באקאנט צו ווערען מיט'ן גרונד פון
זייערע הכשרים. מיר ברענגען דא א רעפארט פון אונזערע
נאכפארשונגען.

ליעבער (פון אמעריקא)

מיר האבען זיך אדורכ-געשמועסט מיט הרה"ג ר׳ משה שטערן שליט"א מדעברעצין וועלכע גיט די השגחה אויף די ליעבער שאקאלאד קאמפאני.

מיר האבען איס געפרעגט דעם גרונד פון זיין הכשר, וויבאלד אין די קאמפאניס ווי די ליעבער פראדוקטען ווערען ערצייגט קומען אריין חששות׳דיגע מאטריאל ווי אויבען דערמאנט.

ער האט אונז גע-ענטפערט:

ליהוי ידוע און ער לאדענט אייך איין דעם וועד הכשרות צו איבערצייגען דאס! אין יעדע פאבריק ווי די פראדוקטען ווערען ערצייגט ווערט אונטערגעזוכט אלע אינגרידיענטס. אויב די אינגרידיענטס זענען נישט צופרידענשטעליג דאן ווערט געבראכט אייגענע כשר׳ע אינגרידיענטס, אויסער דעם ווערען אלע מאשינען געכשר׳ט און א משגיח תמידי איז דארט און צייט פון מאכען ביז צום פארפאקען.

דזשעמס

מיר זענען געווען אין די פאבריק וואו עס ווערט ערצייגט די דזשעמס פאר די ליעבער שאקאלאד קאמפאני און מיר האבען געטראפען דארט א משגיח תמידי וואס איז דארט פון אנפאנג בשר׳ן ביז׳ן פערפאקען. ער האט אונז געוויזע, ווי אזוי מען כשר׳ט און אז עס ווערט צונומען די פייפס(רערען).

אויך האבען מיר געזען אלע רויע מאטריאל פון וואס די פראדוקטען ווערען ערצייגט. מיר האבען זיך נאך געפרעגט אויף אלעם און מיר האבען אלעס געטראפען אין ארדענונג.

*****************************

<u>פאשקעס</u>

מיר האבען זיך געטראפען מיט הרה"ג ר' מרדכי צבי שטיינער שליט"א וועלכע גיט די השגחה אויף פאשקעס פראדוקטען, מיר האבען אים געפרעגט אז היות אז רובא דרובא פון זיינע פראדוקטען ווערט געמאכט אין פרעמדע פאבריקען וויא עס איז דא די אויבען דערמאנטע חששות פון פארשידענע פעטענס און גליצערין און לחלב עכו"ם.אין עפ"י רוב איז דער רב שליט"א נישט דארט ביים מאכען.האבען מיר עם געפרעגט דעם גרונט פון זיין הכשר? . מיר ברענגען דא א באריכט פון וואס ער האט אונז איבערגעגעבען .

א) ראשית כל דארף מען וויסען אז נישט אויף אלע פראדוקטען וואס ווערען פארקויפט דורך די פאשקעס פירמע גיט דער רב הנ"ל אן השגחה, פאשקעס פארקויפט האלסעיל און ריטעיל אויך פראדוקטען וואס האבען חששות אין דער רב שליט"א וויסט נישט זייער פארלעסליכקייט.

ב) בנוגע די פראדוקטען וואס דער קאשוער רב גיט א הכשר, וואס מען פארקויפט אונטער די פירמע נאמען "פאשקעס"

-אמת- אז דער רב שליט"א איז נישט אלץ דארט ביים מאכען אין ער ווייסט נישט פינקטליך אלע פרטים פון דעם מאכען און זיין גאנצער גרונט פון הכשר איז אזוי וו כען ליגט נישט אריין א איסור בעין אין עס איז נור דא א חשש תערובת איסור איז נישט דא וואס חושש צו זיין , לאזט ער איינמאהל אנאלעזירען די אויל אדער די קענדי אדער קאקי וכדו' ביי א לאבראטארי, און דאס איז גענוג סמך צו געבען א הכשר.

ג) די איינצוגע פלאץ וואו דער רב שליט"א איז געווען ביים כשר'ען און מאכען זענען ביי די גראהאם קרעקארס.

ד) מארשמאלו און וואפעל מאנדלען ( Swiss Almonds ) מאכט פאשקעס ביי זיך אין פ'אץ (מיר האבען נאך נישט געקענט גיין באזוכען).

כדי זיך איבערצייגען און די נוצליכקייט פון אנאליזע
האבען מיר געמאכט די פאלגענגע פראבע:
מיר האבען גענומען איין טייל קענדיס און מיר האבען דאס
געקאכט אין עופות שמאלץ.- א צווייטע טייל האבען מיר גע-
קאכט אין דעם זעלבען טאפ וואו עס איז געקאכט געווארען
די שמאלץ נאר מען האט דאס אויסגעווישט און דערנאך האט
מען דערין אויפגעקאכט וואסען אין אין דעם די קענדיס.
מיר האבען געשיקט די סעמפעלס צו פיטעלזאהנ׳ס לאבאראטארי
(ווי פאשקעס לאזט אונטער זוכען זייגע קענדיס) און אט
איז זייער ענטפער.

**FITELSON LABORATORIES, INC.**

CONSULTING AND ANALYTICAL CHEMISTS

350 WEST 31st STREET NEW YORK, N. Y. 10001

(212) OX 5-0765

REPORT #: 31,121

DATE: Feb. 4, 1975

## REPORT OF ANALYSIS:

**FOR:** Vaad Hakashrus
P.O.Box 56
Brooklyn, N.Y. 11228

**PRODUCT:** hard candies

**SAMPLE:**

two samples consisting of 4 small hard candies each, not labeled, identified as #1 and #2

**ANALYSIS:** each sample extracted with petroleum ether, then the extract tested for cholesterol.

**RESULTS:**

Total weight of each sample about 3 grams.

Petroleum ether extracted some fat from the candies, which was solid, but soft, at room temperatures. Fats were saponified and tested for cholesterol by gas chromatography, but none was detected.

COMMENT: After we completed this test, we were informed that the candies had been dipped in boiling chicken fat, then carefully wiped clean. They were not greasy to the touch when received.

All animal fats contain cholesterol, about 90 milligrams per 100 grams of fat. These candies had only a small percentage of fat, so that we recovered only about 100 to 150 milligrams of fat from each sample. The cholesterol content of this sample of fat would have only about one-tenth of one milligram of cholesterol in it, and our methods are not delicate enough to detect this amount. To make a positive determination in a case like this, we would need about 100 grams of candy (4 ounces), and from this we could extract enough fat to give us enough cholesterol to give a positive result.

It is also possible, that even if the candies had been dipped in animal fat, if they were completely wiped off, there would not be enough animal fat remaining to give us a test for cholesterol.

Sidney Kahan
SIDNEY KAHAN
Chief Chemist

## ליקאריש

מיר זענען געבעטען געווארען פון עטליכע קענדי קאמפניעס צו באזוכען די פירמע Y&S Candy co. 106 John st. וועלכע מאכט "ליקאריש" קענדיס פאר דער גאנצער ניו יארקער געגענד. מיר האבען פעסטגעשטעלט אז עס דארף דארט זיין א שטרענגע השגחה, ווייל עס ווערט דארט גענוצט אויל וואס דארף האבען אן השגחה, אין אויך פארשידענע קאלארס און פלעיווערס וואס דארפען ווערען פעסטגעשטעלט. אויך די אויל וואס מען שמירט די בעקלעך אז דער קענדי זאל זיך נישט צוקלעבען ( release agent ) דארף האבען א הכשר.

## פאפ קארן

מיר האבען באזוכט די פירמע KATZ POPCORN CO. זיי מאכען ביי זיך און זייער אייגענעם פלאץ די פאפ קארן, עס קומט נישט אריין אין די פראדוקט נאר קארן, זאלץ און אויל ( נוט-אלע ).

## שאקאלאדען

מיר האבען באזוכט די CANDY PARADISE CO. kingson ave. brooklyn. וועלכע ערצייגען נוסען, און פרוכטען באדעקט מיט שאקאלאד און אויך פלעיווערד שאקאלאד. מיר האבען געזען די אלע רויע מאטריאל און זיך אויך פארבינדען און באזוכט די פאבריקען פון וואנען זיי נעמען די רויע מאטריאל . זייערע פראדוקטען זענען פריי פון חששים.

## דברי הועד

## א ווענדונג צום פובליקום!

אין "מדריך" זעט איר מיט וויפיל מי און אנטש-לאסענהייט אונזער ארבייט ווערט געטון בס"ד. איר וועט זעט באגרייפען ווי ווייט מען דארף זיין אן עומד על המשמר מען זאל האבען הונדערט פראצענטיגע כשרות. נישט אלעס וואס דערויף געשריבען "כשר" אדער אנדערע סימנים וואס מיינט כשר זענען באמת ראוי אריינצונעמען און א הויז פון א מדקדק בכשרות. דאס איז טאקע אונזער ציל נאכצופארשען די פראדוקטען וועלכע ווערען גענוצט טאקע צו וויסען אויב זיי זענען הונדערט פראצענטיג כשר. עס זענען פארהאנען פיל שוועריקייטען.

מיר מוזען האבען אייער שטיצע אדורכצוברעכען די שוועריקייטען.

1)די פראדוקטען וואס לויט זייער מציאות דארף מען זיי נישט עסען ווי געמאלדען אינם מדריך דארף זיך יעדער לויט דעם אריינטירען. ווייל מיט א דרוק פונעם עולם קען מען מתקן זיין די תיקונים וואס פארלאנגט זיך.

2)אויב מיר מעלדען דאס מען האט אונז נישט אריינגעלאזט אין א געוויסען פאבריק דאן דארף יעדער רעאגירען דערויף ווי עס פארלאנגט זיך.

3)אוודאי האלטין מיר דאס מען דארף בעפורציגען א זאך וואס האט א פארלעסליכען הכשר פאר די פראדוקטען וועלכע ווערען געמאלדין און "מדריך" דאס זיי האבען נישט קיינע חששים, אבער! ווען אירקענט אויסוועלען-צווישען א פראדוקט וועל-כער האט נישט קיין הכשר אדער א נישט פארלעסליכען הכשר און מען קען דארט נישט אריינקומען צוזען וואס אין די פאבריק גייט פאר-און א פראדוקט וואס מיר האבען יא געקענט

קפא מדריך לכשרות

זען אז עס איז נישט פארהאנען קיינע חששים-ליגט אויף יעדען א חוב צו פארלאנגען דעם ארטיקעל וועלכען מיר האבען געקענט זעהן! אזוי ארום וועלען קאמפאניעס (אין בעלי מכשירים) מוזען זיך רעכענען מוט אונזער ארבייט און איר וועט האבען א טייל און אונזער הייליגער ארבייט.

4) צוליב סיבות וואס זענען נישט מעגליך צי פארמיידען און פאראויס צוזען קען די ארבייט נישט גיין מיט אזא שנעלען טעמפא ווי דער עולם שטעלט זיך פאר. ע"כ בעטען מיר אייך צו האבען געדולד און צוביסלעך וועט איר זעהן פרוכט פון אייער שטיצע.

5) עס פארלאנגט זיך אויך מען זאל זיך מעלדען צו העלפען פיזיש, פעאיגע בני תורה צו באזוכען קאמפאניעס, אזעלכע וואס קענען ארוסהעלפען מיט קארס, וואס קענען פארשאפען מעמבערס, בעמיסטען וואס קענען צוהעלפען, טייפיסטען וכדו'

בכבוד רב,

<u>ועד הפועל</u>

עפענטליכער בקשה צו
די פירער פון דער כשרות אפטיילונג פון
יוניאן און ארטעדאקס קאנגרעגעישאנס Ⓤ

ווי עס איז באקאנט פאר די ברייטע אידישע מאסען אין אמעריקא, איז דער כשרות ארגאניזאציע פון די Ⓤ געגרינדעט געווארען אלס רעזולטאט פון הפקרות אויפ׳ן פעלד פון כשרות אין יענע צייטען. ליידער מוזען מיר איצט דערקלערן, נאך לאנגע געדולדיגע ווארטען און פארהאנדלונגען וואס זענען אנגעפירט געווארען מיט די אנפירער פון די Ⓤ דורך די פארמיטלונג פון הרה"צ אדמו"ר מנובומינסק והרה"ג אבד"ק דעברעצין שליט"א וואס האט זיך געענדיגט מיט אנאנגענעמליכע ערפארונג נאכדעם ווי מיר האבען פארלאנגט א תיקון ביי א השגחה און מיר האבען אויפגעוויזען אז אונזער אינטערעס איז נור תיקון הכשרות נישט קיין אנדערע זייטיגע כוונות ח"ו, דאך זענען מיר נישט צוגעלאזט געווארען צו זען אויב דער תיקון איז געשען. מיר זענען נישט צופרידען פון אזא נעגאטיווע שטעלונג וואס דאס מיינט א אפנויג פון די אריגינעלע גרינדונג פרינציפ פון די Ⓤ נישט צו האבען קיין הפקרות ביי כשרות ווי פריער דערמאנט.

דעריבער פאדערען מיר פון די א פאזיטיווע און קלארע קא-אפעראציע כדי צו קענען עטפערען די פילע טויזענטער אנפרעגערס וואס דער אמת איז מיט די .
אויב מיר וועלען נישט קענען קומען צו א פארשטענדעניש, דאן וועלען מיר מוזען אפען פרעגען די פילע פראגען און ספיקות וואס מיר האבען און וואס ווערען געפרעגט אויף די . .

וועד הפועל

ב"ה

## להתודע ולהגלות

א) מיר בעטען אנטשולדיג פון אלע רבנים שליט"א וועמענס
פראדוקטען מיר האבען אדער מיר פארלאנגען צו אונטערזוכען
די באגרינדונג פון זייער כשרות. עס איז ב"ה קלאר ווי דער
טאג אז מיר האבען דעם גרעסטען כבוד פאר אלע רבנים ווי
עס וועלען מעיד זיין די רבנים ביי וועמען מיר האבען שוין
באזוכט. אונזער כוונה איז ח"ו נישט לקנטר נאר מיר זענען
איבערצייגט געווארען אז אסאך הכשרים זענען געבויט אויף
פארפירעשער אדער נישט גרינדליכע אינפארמאציע אין דעם
אינדוסטרי פון עסענווארג.

ב) מיר זענען גרייט "פריי" צוהעלפען אלע פאבריקאנטען
און רבנים המכשירים וועלכע ווילען ארויס געבען הונדערט
פראצענט כשר'ע עסענווארג. מיר וועלען שטעלען צו דינסט
אונזערע קוואליפיקאציעס, עקספיריענס און גרונדליכע
ידיעות און דעם עסענווארג אונדוסטריע, אויך אונזערע
קענטענישען אין די פארשידענע פארוויקעלטע פראצידורען.

ג) דער וועד הכשרות איז נאר פאראנטפורטליך פאר דאס
וואס ווערט געדרוקט אונ'ם מדור "פעסטשטעלונגען" אדער
"באהאנדלונגען" (אהן א נאמען) אדער אויף וואס עס איז
אונטער געשריבען "וועד הפועל", אדער אויף א מודעה וואס
ווערט פארשפרייט דוקא מיט דער "לעטערהעד" פונ'ם וועד.

וועד הפועל

## מי לה' אליכם

ביטע נישט צו פארקורצערין מיין בריף וויל עס וועט
ארלירען איר אריגינילטאט.

איך וויל פריער אויסדרוקען מיין דאנק פאר געבען מיר
י מעגליכקייט זיך צו באטייליגען ביי אן אסיפה פון
ייער וועד הפועל. אבער איך בין פון דארט ארויס מיט
ומישטע געפילען. פון איין זייט האב איך געהערט פון די
רויסע וויכטיגקייט פונ'ם וועד הכשרות און וועגען אירע
רויסע דערגרייכונגען ביז יעצט, - און פון די צווייטע
ייט בין איך אינפארמירט געווארען פון די גרויסע געלט
ווערינקייטען וואס האלטען צוריק די הייליגע ארבייט.
יר האט וויי געטאהן אז דער גורם דערצו איז דער פאסיוו-
יקייט און נאכלעסיקייט פון די ברייטע אידישע מאסען
ועמען דער וועד איז מזכה מיט זייער הייליגער ארבייט.
ניך בין דערשטוינט געווארען צו הערען אז נישט אלע
עקעריס און רעסטעראנטען האבען זיך אנגעטראגען אז
ייי וועלען נור נוצען פראדוקטען וואס דער וועד וועט זיי
גוויזען. דאס האט מיר געשאפען דעם איינדרוק אז די
רייטע מאסען פארלאנגען דאס נישט ביי זיי.

איך בין אויפגעשטורעמט געווארען! מיינע געפילען
ברויזען אין מיר. געוואלד ווי זענען מיר! ווי אזוי קען
זא גרויסע ציבור פרומע אידען זיין גלייכגילטיג צו דאס
וואס שפילט זיך אפ אין זייער אייגענעם געגענט? ווי קען
מען צוזעהן צ.ב.ש. ווי פיצא סטאהרס וואס ווערען אנגעפירט
פון מחללי שבת וועלכע טוען זיך אן א קאפעלע אויסצוזעהן
פרום, בוטשער סטארס וועלכע פארקויפען בפומבי' פלייש
וואס איז געשאכטען נישט דורך יראים ושלימים אלס גלאט
בשר, בוטשער סטארס וועלכע פארקויפען שאלה'דיגע פלייש

ווייל זיי זענען הפקר און עס איז נישט דא ווער זאל אכטונג געבען אויף זיי!

ווי שעמט מען זיך נישט אנטקעגען אזא קהילה ווי פאר ראקאוועי, וואס דארט איז פארהאן אן ארגענעזירטער וועד הכשרות, (איך דערמאן זיי פאר א ביישפיעל נישט וועגען זייער פארלעסליכקייט וואס זיי האבען, און אויף וועלכע השגחות זיי פארלאזען זיך) זיי האבען איינס אדער צוויי משגיחים וועלכע וויזיטען יעדען טאג די אלע בוטשער סטארס, בעקעריס א.ד.ג. פון געגענד. פארוואס זאל אזוינס נישט קענען זיין און אלע אידישע געגענטען, אויך א ווארט זאגער וועגען וועלכע פראדוקטען מען קען נוצען. דער אופן פון השגחה דארף ווערען אדורכגעשמועסט מיט אייער וועד הכשרות, דעמאלסט וועט אייער כח זיין א שטארקער און עס וועט נישט קענען זיין אז בעלי מכשירים זאלען אייך נישט וועלען אריין לאזען זען וואס גייט פאהר, ווי איך האב געהערט ביי אייער מיטינג.

דעריבער איז מיין פארשלאג אז איר דארפט ביי אייך אפשטימען אז אויב ביז א געוויסע צייט וועט אריינקומען גענוג מעמבערס און שטיצערס אז אייער כח זאל זיין גענוג א שטארקער איז דאן לך בכחך זה והושעת את ישראל. און אויב ח"ו נישט איז געדרונגען אז דער עולם בהפקירא ניחא לי', דאן האלט איך לענ"ד אז "אין חבין" מען דארף זיך נישט אריינלאזען אין חובות ווי איך האב געהאט געהערט ביי מיטינג, "שלא בפניו" פאר אזא עולם וואס ווייזט נישט דעם "פנים" און וויל נישט מען זאל אים מזכה זיין.

איך בעט אייך צודריקען דעם בריעף האטש עס איז לאנג ווייל עס איז לטובת הענין.

ידידכם המצפה להרחבת פעולתכם הקדושה
משה חיים פרינץ

## חינוך אין דער היים

פיל חינוך קען מען מחנך זיין דאס קינד ביים באקען חלות אין מזונות. דאס קינד אין דער היים קוקט צו וויא מען קוקט איבער די אייער וועגען איין בליץ טראף, מען זעהט אז דיא אינגרידיענטס זאלין זיין כשר'ע אין מען זיפט איבער די מעהל וועגען ווערים. מען טוט זיך טאקע בעזאנדערס אהן בצניעות, מען וואשט די הענט איידער מען מאכט די ברכה פון נעמען חלה.

